ו. לאססמאן

טרוימען
און
פאנטאזיעס

צוזאמענגעקליבען און ארויסגעגעבען נאך זיין טויט,
פון זיין פרוי פ. לאססמאן.

416

לאס אנדזשעלעס, 1918.

II

אינהאלט:

דאס הייליגע לאנד.

סאנעט.

אט אזוי ווי די דאזיגע בלומען.

ניט פרעג.

דער שטילער ים.

אין א שטורעם נאכט.

צום דיכטער.

דעם דיכטערס טרוים.

צוויי גייסטער.

דער אייביגער טרויער.

זאָג.





ביאגראפיע

וו. לאססמאן

געבארען געווארען אין יאהר 1886, אין א קליין שטעדטעל אין רוססלאנד.

זיינע עלטערען האבען איהם געגעבען א געוויינטליכע אידישע ערציהונג.

זיין גייסט צום לערנען און זיך בילדען, האט איהם געבראכט נאך אין זיינע גאנץ יונגע יאהרען צו פארלאזען זיין היים און זיינע עלטערען.

אין יאהר 1901 איז לאססמאן געקומען קיין ווארשא, דארט צו געניסען פון דער בילדונג, נאך וועלכע ער האט געדורשט און געשטרעבט, זייענדיג נאך אין זיין קליין געבורטס שטעדטעל.

מיט גרויס חשק האט ער זיך גענומען צום לערנען און געניסען פון דער ליטעראטור, אויף פיעל עס איז נאר געווען פאר איהם מעגליך נאך זיינע אומשטענדען.

אין א קורצער צייט נאך זיין קומען אין דער „השכלה"-שטאדט פאנגט ער אָן צו שרייבען פּאָעמען אין דער רוסישער שפראך, וועלכע זיינען אנערקענט געווארען פון זיינע ווארשעווער פריינד, און זיי האבען געראטען איהם עס צום דרוקען. אבער ער האט געפיהלט אז ער דארף נאך און נאך לערנען, ביז ער זאל קענען ארויס-

געבען דאס וואס ער פיהלט און דיינקט, אין דער פארם אין געשטאלט ווי ער דיינקט. און מיט מעהר מוטה און מיט גרעסערען חשק נעמט ער זיך ווייטער צום לערנען.

אין 1906 דארף לאססמאן שטעהן צום פריזיוו און ער מוז פארלאזען רוסלאנד, און זיינע האפנונגען און פאנטאזיעס ווערען צו גאר ניט.

מיט דעם גרויסען שטראם פון עמיגראציע, קומט אויך לאססמאן נאך אמעריקא. אנטקעגען קומט איהם א לעבען וועלכער איז אין געגענזאץ פון זיינע געדאנקען און מיינונגען. פיעל זעהר פיעל קומט איהם אויס צו ליידען גייסטיג און מאטעריעל, און דאן קומט דער ערגסטער מאמענט אין זיין לעבען, ער ווערט צובראכען פיזיש און ווערט א קרבן פון דער ווייסער פעסט.

אין יאהר 1908 פאהרט ער קיין דענווער, קאלאראדא צוליעב זיין געזונד, ער פארזאמט זיך דארט 10 מאנאטען און קומט צוריק נאך שיקאגא וואו זיינע עלטערען און פריינד געפינען זיך.

געניסענדיג אביסעל פון דער פרייער נאטור קען ער שוין אין שיקאגא ניט זיין, זיין לוסט צו זיין נעהנטער צו דער נאטור, און אטהעמען פרישע לופט, מאכט איהם צו פאהרען נאך לאס אנדזשעלעס, קאל. וועגען וועלכע ער

האט גיהערט אז די נאטור איז דארט זעהר שעהן און בעצויבערענד.

אין 1910 קומט ער צום ערשטען מאל אין לאס אנדזשעלעס, ער קען דארט אבער לאנג ניט בלייבען, זיין בייגקעניש נאך זיינע פריינד ברייננט איהם צוריק נאך שיקאגא.

די שעהנע קאליפארנער נאטור בעגייסטערט איהם זעהר, און ערוועקט אין איהם נייע געפיהלען און נייע שטרעבונגען.

„געה צוריק צו דיינע ברידער,"
„וואס פארלאזען האסטו זיי
„אין א ים פון פיין און צרות
„אין א קאלטען וויסטען לאנד!
„געה צוריק און זאג זיי דארטען
„מיט דער שטימע פון א לייב
„אז ס'איז דא אן אנדער לעבען
„אז ס'איז דא אן אנדער וועלט!
„געה און צינד זיי אָן די הערצער
„מיט דעם גרויסען העלען פייער
„וועלכען גאָט האט אנגעצונדען
„אין דיין הארצען פאר דיזען צוועק."

זאגט ער אין זיין "דיכטערס חלום" וועלכע איז געווען געדרוקט אין די "פרייע געזעלשאפט" פון מאנאט דעצעמבער 1910.

די "פרייע ארבייטער שטימע" פון יענער צייט איז זעהר באגייסטערט פון "דעם דיכטער'ס חלום", און זאגט וועגען לאסקאנען, "א נייער שטערן האט זיך פאר אונז באוויזען".

טראץ דעם לויב-געזאנג וואס די פ. א. ש. גיט איהם, שיקט ער ניט מעהר פון זיינע שאפונגען צום דרוק, ווייל איהם געפעלען ניט די ענדערונגען און ארויס ווארפונגען וואס קומען פאר אין די רעדאקציעס

זיין פיזישער צושטאנד ווערט אביסעל ערגער און ער פאהרט ווידער נאך דענווער זיך צו ערהאלען, ער איז דארט א קורצע צייט, און דענקט אז ער פיהלט זיך שוין בעסער, קומט ער צוריק נאך שיקאגא.

ליידער ווערט זיין פיזישער צושטאנד ניט בעסער, און אין 1914 פארלאזט ער שיקאגא, און פאהרט נאך לאס אנדזשעלעס צום צווייטען מאל.

זיין פיזישער צושטאנד ווערט ערגער פון טאג צו טאג, נאר ער גיט זיך ניט אונטער, שטארק איז זיין האפנונג און פעסט איז זיין גלויבען אז ער וועט נאך זיין

מיט יעדען גלייך און וועט געניסען די פרוכט פון לעבען אזוי ווי יעדער, און מיט דרייסט און שטאלץ זאגט ער אין „א שטורעם נאכט",

„גיסט אויס אויף מיין קאפ אייער טיעפסטען צארען
„וואקסט אויס אין דער שרעקליכסטער ווילדסטער מאכט
„איך שטעה דא אהן מורא, באריים אייך צו פעכטען
„אליין געגען אלע אין א אפענער שלאכט.

אין דעם לעצטען יאהר פון זיין לעבען ערוועקט זיך ביי איהם א געדאנק צו פאהרען נאך פאלעסטינא, דארט, האט ער געזאגט, גלויבט ער וועט ער זיך פיהלען גוט גייסטיג און קערפערליך.

נאר צום בעדויערען, האט איהם דער טויט געראבט איידער זיין פארלאנג האט געקענט דערפילט ווערען.

דעם 1-טען פעברואר, 1918 איז ער געפאלען א קרבן פון דער ווייסער פעסט.

פ. לאססמאן.

אנשטאט א פארווארט

די "טרוימען און פאנטאזיעס" פון מיין פארשטארבענעם מאן וו. לאססמאן, איז זיין גייסטיגע ירושה.

איך ברייננ עס צום דרוק פאר אונזערע פריינד און באקאנטע, וועלכע זיינען געוועזען איהם ליעב און נאהענט צו זיין צובראכען הארץ, און ביי וועלכע איך גלויב דאס זיינע טרוימען וועלען זיין אן אייביגער אנדענקען פון פריינדשאפט פון זייער פארשטארבענעם פריינד וו. לאססמאן.

פ. לאססמאן

דאס הייליגע לאנד

(מיין טייערער פריינדין פאליע'ן א מתנה)

23טען יאנוואר, 1918.

איךביינק, איך זוך
דעם ברייטען ווייטען וועג וואס פיהרט
צום לאנד פון פרייד און פריעדען...

וואו מענש איז מענש, און פ ר י י ה י י ט אויסגעקריצט
איז אויף זיין שוועל און טיהר...

און ווען דו קומסט אהין, א פריינד דיר קומט אנטקעגען,
און ברודער רופט ער דיך; און פיהרט דיך אב
אין זיין ניט רייך געצעלט,
און זעצט דיך אויבען-אן, און פרעגט דיר, וואס דו ווילסט,
צי נגעריג ביזטו, צי דורשטיג אדער מיעד...

ער וואשט דעם שטויב פון דיינע מיעדע פיס,
און וואשט דאס בלוט ארום, און היילט די וואונדען דיר,
און פרעגט דיר, ווי דו פיהלסט זיך יעצט פון דיין
שווערען וועג...
און קלאהר איז דאן זיין בליק, און מילד דאס פנים,

און פרייד צושפרייט איז ארום זיין ליכטיגען געמיט.
און דו—דו פיהלסט, אז אין דעם קליינעם געצעלט
איז גאט׳ס גרויסע וועלט...
און דא בלויז רוהט זיין גייסט;
און הייליג איז די ערד וועלכע דו באטרעטסט...

און הויבסט דאן אויף דיין האנד און דאנקסט
דעם שיקזאל דיינעם, וואס האט דיך געבראכט
אין דעם הייליגען לאנד, וואו מענש איז מענש,
און פ ר י י ה י י ט אויסגעקריצט איז
אויף זיין שוועל און טיהר.

סאנעט

(מיין פריינדין פּאליע געווידמעט)

ווען ס׳וועלען באהערשען דיך אומעט און טרויער,
און וועה וועט דורכדרינגען דיין הארץ,
און דו וועסט מיט טרערען ניט קענען מעהר שטילען
דיין גרויסען, דיין הייליגען שמארץ.

דאן קום צו מיר ווידער, מיין פריינד און מיין שוועסטער,
און רוה זיך אויס דא אויף מיין ברוסט,
כ׳וועל שטילען דיין וועהטאג און געבען דיר קרעפטען
אויף ווייטער צו ליידען...ניט פרעג וואס דו טוסט!..

ניט דיינק פון דעם ווייטען פארזיגעלטען מארגען,
באלעסטיג זיך אויך ניט מיט מורא און זארגען,—
וואס יענער וועט דענקען און יענער וועט זאגען.

די נאכט איז צו פינסטער און וויט איז צום טאגען,
צו גרויס איז דער אומעט, דער עלענד צו טיעף,
דער ים איז צו רוישענד, צו שוואך איז די שיף...

אט אזוי ווי די דאזיגע בלומען

(גליק-וואונש)

אט אזוי ווי דיזע בלומען
זאל דיין לעבען בליהענד זיין;
אט אזוי ווי דיזע בלומען
זאל דיין לעבען דופטענד זיין.

בלומען זאלען דיר באגלייטען
אויף דיין לעבענס וועג דעם ברייטען.
בלומען ווייסע, בלומען רויטע,
זאל פאר דיר דער וועג אויסשפרייטען.

ווייסע—הייסט די ריינע אונשולד,
מיט איהר צארטקייט, מיט איהר חן.
רויטע—הייסט די הייסע ליעבע,
וואס איז אייביג יונג און שעהן.

ניט פרעג

ניט פרעג, וואס זאל איך טאן ? ניט זאג: כ׳בין קליין
און שוואך
און קען מיין ברודער פון געפאהר ניט רעטען.
אָ ברודער מיין, דו זאג עס ניט ! ניט פרעג, ניט טראכט!
אוןווארט ניט אויף זיין בעטען.

דו געה ארויס אין פעלד, דיין ברודער געה אנטקעגען,
און שטעל זיך זייט ביי זייט מיט איהם, און קעמף! אויף
אלע וועגען
וועסטו גוסס׳ע, פארוואונדעטע, געפינען. שטרעק זיי
אויס דיין האנד
און טרינק זיי אן, און הויב זיי אויף פון שטויב און טראג
אוועק
זיי הינטער א שוץ-וואנד.

און קעהר זיך אום צוריק און שטעל זיך אין די רייהען,
און העלף דיין ברודער אנפיהרען די שלאכט...
דאן ווערען וועסטו גרויס, דיין קראפט וועט זיך באנייען;
און אהן א ברעג, וועסטו פיהלען, איז דיין מאכט...

דער שטילער ים

איך זיץ ביים ברעג פונ'ם ים, פונ'ם שטילען,
און קוק אין זיין ווייטקייט אריין;
און טיעף איז די ווייטקייט, און שטיל-ווייך די וועלען
שפּאַצירען ארום אין איהר רוים.

קוים, קוים. וואס עס ריהרט זיך א זעגעל-שיף דארטען,
וואס קוקט ווי א ים-פויגעל אויס;
און איהר מאסט ווי א בוימעלע בויגט זיך פּאמעלעך,
געגלעט פון א ווינטעל א צארטס...

און פון אויבען א הימעל, א לויטערער, בלויער,
צולעגט אין א קופאל געצעלט,
ווי א פליגעל פון עפּעס א מלאך א גוטען
צושפּרייט איז, און ווארעמט און גלעט...

ווי א מוטער א גוטע, א צערטליכע מוטער,
אראפּ-קוקט פון דארטען די זון,
און צוגיסט זיך אין שטראמען פון שטראלענדען גליקשיין,
און שמייכעלט צופריעדען צום ים.

דאך, אין דער לופטען עס טראגט זיך א ברומען,
עס הוידעט, עס וואיעט דער רוים דארט ארום.
פון וואנען-זשע קומט עס, אז שטיל איז דאך אלעס?
איך קוק זיך מיט שטוינען ארום.

און איך זעה: קוים באמערקבאר, דארט ציהען זיך רייהען
פון ווער, פון קליינע, צום ברעג,
און זיי ווערען אלץ ברייטער, און העכער, און גרעסער,
און שטייגען מיט יעדער סעקונדע.

און דערגרייכענדיג איהם, דיזען ברעג דעם פארהאסטען,
וואס האט זייער וועג זיי פארצוימט,

וואקסען זיי אויס אין געשלאסענע רייהען, אין פעסטע,
און ווארפען זיך ווילד אויף איהם אום.

און אין שרעקליכען צארן, אין טיעפער פארצווייפלונג,
אין אונענדליכען ברענענדען האס
קעמפען זיי ביז'ן טראפען דעם לעצטען,
און פאלען צוריבען אין שוים.

און עס דוכט זיך: ניט שוים פון צובראכענע וועלען
נאר מארך פון צובראכענע מוחות איז דאס.
דאס בלוט, דוכט מיר, זעה איך דא פליסען אין שטראמען,
פון העלדען וואס זענען פאר פרייהייט געפאלען.

איך הער, דוכט זיך דייטליך, א שטימע זיך טראגען,
וואס רופט צו אלץ וואס איז ארום:
"מיר קענען ניט לעבען אין ברעגען געשמידטע,
מיר מוזען באוועגען זיך פריי!"

"און מיר וועלען ניט רוהען, ביז וואנען פארניכטען
מיר וועלען די ברעגען אמאל..
זעהסטו?—הינטען שוין ציהען זיך אנדערע וועלען?
דאס האט אונזער טויט זיי דערוואכט...

׳אויך זיי וועלען פאלען אום נייע צו וועקען ;
אויך יענע וועלען פאלען מיט פרייד —
ווייל טויזענט מאל בעסער איז שטארבען פאר פרייהייט,
איידער צו לעבען אלס שקלאף.

אין א שטורעם נאכט

מיט די שווארצע וואלקענס באדעקט איז דער הימעל,
ס׳איז פינסטער ארום און ארום —
און איך אויף א קליין, א צובראכען שיפעל,
אליין אויפ׳ן ים טראג זיך אום.

עס אטהעמט דער ים מיט א שוימענדען צארן,
און ווארפט זיך ארום ווי א בלוטענדער לייב;
זיין שוידערליך ברומען, זיין מורא׳דיג וואיען,
צומאהלט די ארומיגע פעלזען אין שטויב.

עס טראגען זיך חילכענדע קראכען פון דונער,
באגלייט פון א שרעקליכען יאמער פון ווינד;
עס ווארפען זיך בליצען ווי ברענענדע שלאנגען
ארום אין דעם פינסטערען הימעל געשווינד.

און ס׳ווערען אלץ גרעסער און ווילדער די וועלען,
אלץ שטארקער דער דונער, די בליצען אלץ העלער;
די ווינטען — זיי יאגען מיין שיפעל אלץ שנעלער,
און טראגען אלץ ווייטער פון ברעג מיך אוועק.

איך קוק אין פארצווייפלונג אהין צו די בליצען,
און הער זיך מיט שרעק איין צום יאמער פון ווינט.

אָ, זאגט מיר איהר ווערען, איהר שרעקליכע ווערען,
וואו טראגט איהר, וואו יאגט איהר מיין שיפעל אצינד?

און ס'הערט זיך א שטימע פון דונער געטראגען:
„אהינצו, וואו ס'הערשען בלויז אייביגע קעלטען,
און וויסט די נאטור איז און שטום;
וואו ס'הערט זיך קיין זינגען, ס'זעהט זיך קיין בליהען,
און אייביגע נאכט איז ארום"...

אָ ניין! כ'וועל ניט לאזען אהינצו זיך פיהרען!
כ'וועל אייך באזיגען, איהר גייסטער פון נאכט!
אהערצו איהר כחות פון לופט און פון וואסער,
פון הימעל און ערד איהר פאראייניגטע מאכט!

איך וועל זיך אין כחות מיט אייך דא פארמעסטען —
אויך איך האב צום לעבען דורך שטורעם ערוואכט!

שטארקער, איהר דונערען, קראכט אין דער לופטען,
שארפער איהר בליצען די פינסטערניש שנייט!
ים — דו צושפרייט דיינע אבגרונדען טיעפער!
איהר הימלען ווערט שווארצער, קיין שרעקען ניט מיידט!

גיסט אויס אויף מיין קאפּ אייער טיעפסטען צארן,
וואקסט אויס אין דער שרעקליכסטער, ווילדסטער מאכט!

איך שטעה דא אהן מורא, באַרייט אייך צו פעכטען,
אליין געגען אלע, אין אפענער שלאַכט...

און ס׳ערשיינט די נאַטור אין איהר ווילדסטער פּראַכט...

איך שטעה אין מיין שיפעל, די הענד אין דער לופטען,
מיין בליק איז געווענדעט אהין וואו עס בליצט;
די אויגען זיי ברענען, טיעף אטהעמט מיין ברוסט.

מיט דעם מעכטיגסטען קול וואס א מענש נאר באַזיצט
שריי איך אויס צו דעם ים און צום הימעל:

„געלויבט זאָלסטו זיין, דו ערוואַכטע סטיכיע,
וואס דו האסט ערלויבט מיר, א מענשליכע בריאה,
צו זעהן דיין הערליך געשטאַלט!

„ערשט יעצט ווייס איך ריכטיג דעם טעם פון׳ם לעבען,
ערשט יעצט איז מיר קלאָהר איהר באַהאַלטענער זין:
דאס לעבען איז שטורם, איהר גליק איז דער בליץ,
און די נאַכט — זי איז דאס וועלכעס טרייבט אונז אהין
וואו עס ליגט אונזער ציעל פון דעם שטרעבען׳...

דאס אלעס געלערענט אין שטורם האב איך —
און פיעלעס, נאך פיעלעס אהן צאָהל—
און ווען איך וועל פאָלען, באַזיגט פון די וועלען,
און, סוועט מיך פאַרשלינגען דער אבגרונד אמאָל,
אויך דאן וועל איך שליסען מיט פרייד יענע אויגען
וואס האבען א שטורעם געזעהן א מאָל...

* *
*

קומט ארויף מיט מיר צוזאמען,
אויפ׳ן גרויסען, הויכען בארג;
קומט און זעהט ווי גרויס די וועלט איז,
קומט און זעהט, ווי שעהן זי איז!

קומט און זעהט, ווי העל די זון איז,
און דער הימעל, אָ ווי בלוי!
און די לופט — ווי זיס און דופטענד,
און די ערד — ווי בליהענד פריש!

קומט, פארלאזט דעם טאהל, דעם ענגען,
אנגעפילט מיט שמוץ און בלוט.
געהט ארויס אין פעלד אין ברייטען,
דארטען פיהרט דער וועג צום בארג.

צום דיכטער

...און אויב דו ווילסט דאס לעבען שעהנער מאכען,
און אויב דו ווילסט ס׳זאל ליכטיג זיין ארום,
דאן זיץ נישט שטיל פארהילט אין טרויער-קלאנגען,
דעם קאפּ אראבגעלאזט מאכטלאז אויף דיין ברוסט.

נאר שטעל זיך אויף און ציה די גליעדער אויס,
און טרייסעל אב דעם שטויב פון יאהרען-לאנגען אומעט,
און געה אין פעלד ארויס.

און לאז זיך געהן צום בארג מיט אייביגען שניי באדעקט.
און פיהלסטו זיך מיעד—ניט שטעל זיך אפּ, טאג און
נאכט געה !
ביז גרייכען וועסטו דעם שפּיץ אין וואלקענס איינגעהילט.

דאן קומט דיין רוה...גאנצע פערציג טעג און פערציג
נעכט ;
גענוג צו קרעפטיגען דיין גוף און לייטערען דיין זעעל,
און אויסקריצען אין הארץ, ניט אין שטיין, געבאטען נייע.

און דאן, ווען פיהלען וועסטו, אז דיין זעעל איז ריין,
גלייך צו דער זון איז דיין הארץ, דיין גוף ווי הארטע
שטאל,
און שארף דיין זין, און לייבען-פעסט דיין שטים...

דאן לאז זיך געהן פון בארג צוריק אין טאהל אין ענגען,
און נעם דיין הארץ פון ברוסט ארויס און טראג עס
פאראויס.
יעדער טראפען בלוט דערפון וועט שטראלען גיסען,
און יעדער שטראל א מענשענ׳ס הארץ וועט גריסען;
און יעדענס הארץ וועט ווערען גלייך צו דיין.

דאן ליכטיג וועט ווערען אין טאהל אינ׳ם ענגען —
ווייל יעדענס הארץ דערזעהן וועט די זון —
און ציהען יעדען וועט צום פעלד דעם ברייטען,
אהין גלייך צום בארג מיט אייביגען שניי באזייהטען...

3טען אפריל, 1915.

דעם דיכטער'ס טרוים

א קראפט א מעכטיגע, א שטארקע ווי א שטורעם
האט מיך געצויגען ווייט אין דער ברייטער וועלט אריין.
איך האב קיין רוה געהאט...און לאנג, און שווער
זענען געווען פאר מיר די קורצע לעבענס-טעג,
ווייל פרעכטיגע חלומות פון א וועלט א נייער,
פון א ניי לעבען, א לעבען פול שעהנקייט
האב איך גע'חלום'ט פיעל, זעהר פיעל נעכט...

איך האב געזעהן זיך צווישען בערג און טאהלען —
ארום איז בליהענד-גרין, פון אלעס שפראצט מיט לעבען,
און איבער אלעס רוהט א הייליג געמיטה;
און דופטענד-זיס און זאנפטיג פריש איז דארט ערד
און לופט.

עס לויפען פרעהליך מורמלענדיג דארט טייכלעך פון
בערג,
צוגיסען זיך, צושפרייטען זיך, און טרינקען אלעס אן ;
דערקוויקען יעדעס גרעזעלע, דערפרישען יעדע בלום,
און שאפען פרייד און לעבען דארט פאר אלעמען ארום...

עס ליגען דארט צווישען בלומען וועגען אויסגעשפּרייט,
וואס פיהרען אין געדיכטע וועלדער, גערטנער אלערליי,
וואו ס׳גיסען אוים די פויגעלעך די הערצער אין געזאנג,
און שטיפען און שפרינגען ארום פון צווייגעלע אויף צווייג.

קיין חיות ווילדע דארט ניטא, באשעפענישען רוהיגע.
אונשעדליכע, ליעבליכע, זיי זענען בלויז דארט פאראן;
זיי פילען אן די לופט מיט בלוט פול מיט לעבענסלוסט,
און וועקען לעבענסלוסט אין מיר, און שאפען גליק אין מיר.

און כ׳בין אוועק אהין, און בין אין פעלד ארוים.
און פול מיט פרייד, און לעבען, און געזאנג
איז אנגעפילט מיין גאנצער איך געווארען —
ווען כ׳האב באמערקט די ווייטע, ברייטע הימלען
צוזאמען מיט דער ווייטער, ברייטער ערד
געארעמט ליגענדיג אינ׳ם טיעפען בלויען רום...
ס׳האט מיך געטראגען ווי אויף פליגעל. —
אט דארט, אט דארט, וואו יענע מאטע ווייטקייט איז
צוגאסען
איז דאך מיין טרוים, מיין שעהן חלום-לאנד..
אהין, אהין! אין לאנד פון פעלדער גרינע,
און ווייגערטנער, און אייביג העלע-זון — אהין!

און כ'האב געטראגען זיך באצויבערט ווי אין שלאף.
כ'האב בלויז מיין שעהנע וועלט געזעהן פאר די אויגען ;
כ'האב בלויז איהר שטימע רופענדיג געהערט,
און נאר דעם גייסט געפיהלט אין זיך,
געלעבט מיט איהר נשמה...
און ניט געפיהלט האב איך די מורא'דיגע ווייטקייט,
די אפגרונטען האב איך גארניט באמערקט —
איך בין א גייסט געווען, און זיך אהן שרעק געטראגען
צום ליכטיגען געשטאלט וואס האט געשיינט פאר מיר ..
בלויז דאן האב איך ערוואכט און בין צו זיך געקומען,
ווען מיעד, נאר פול מיט פרייד, באגייסטערט ווי א קינד
פון דעם געשטאלט וואס האט אונענדליך שעהן
געשוועבט פאר מיינע אויגען —
האב איך דערזעהן זי, מיין הייס-געליעבטע...

איך האב זי באלד דערקענט, פון ווייטען נאך דערקענט—
נאך די שעהנע אויגען איהרע, פול מיט לעבען, פול
מיט ליכט;
נאך איהר זיעסען, ליעבען שמייכעל, נאך איהר
וואונדער-שעהן געשטאלט,
וואס האט טיעף זיך איינגעקריצט אין מיין הארצען,
אין מיין מארך,

און יאהרען לאנג געשטאנען פאר מיינע אויגען, טאג און נאכט...

אָ, שלום דיר מיין ליעבע! זיי נעגריסט פון דעם
וואס האט א היים פארלאזען, ברידער, פריינד,
אום דיך צו זעהן, דיין נאהנטקייט צו פיהלען,
און זיי געבענשט פון איהם! איך האב דיך דאך דערגרייכט..
איך רוה שוין אין דיין שויס, איך ליג אין דיינע ארעמס;
געניס פון אלדאס גוטס וואס דו פארמאגסט אין זיך;
איך טרינק דיין זיסען אטהעם, קוש דיין יעדעס גליעד...
און יעדעס גרעזעלע בין איך אימשטאנד צו קושען,
און יעדעסביימעלע צודריקען צו מיין ברוסט;
דעם טוי פון בלום ווי גוטען וויין צו טרינקען,
צו שלינגען איהרע שטויבעלעך, און זינגען שטיל דערביי...
באהעפטען זיך מיט יענעם קלאהרען שנעה
פון בארג, וואס רוהט אין וואלקען רוים,
באקראנצענדיג מיט זיך דיין שטאלצען שעהנעם קאפ
און זיך צוגיסען פון דער הויך
אין שטראמען, זילבער-קלאהרע,
און לוסטיג ארומלויפען און לאכען,
שטיפען ווי א קינד...

און זיך צוגיסען, ווייטער, ברייטער,
ביז אין ים אריין...

און אויף דעם ים אין זיך איינשלינגען —
זיך צושפרייטען אהן אן ענד,
און זיך טראגען, און זיך יאגען,
און זיך ראנגלען מיט'ן שטורעם,
ברומען, פייפען ווילד פון גליק...

אך! ווי גוט עס איז צו פיהלען
אט דעם ים פון לוסט אין זיך...
זיך צו פיהלען גרויס און מעכטיג,
פול מיט ליעבע צו דער וועלט!
און זיך טראגען אין די הימלען
פון דעם דאזיגען גרויסען גליק,
און פארגעסען אן די מענשען,
און פארגעסען אן דער ערד.
און פארגעסען, אז ס'איז פארהאנען
ערגיץ-וואו א קליינע וועלט.
פול מיט טרויער, פול מיט ליידען,
פול מיט אונענדליכען פיין...
און באהעפטען וואלט איך וועלען

זיך מיט יענער טרויער וועלט,
און אויסזויגען איהרע ליידען,
ביז צו ענדע, ביז איין טראפּ...
און אויסזויגען איהר נשמה
וואס איז אנגעפילט מיט סם,
און א נייע אריינבלאזען,
וואס זאל ווי אט די זון
גרויס און שעהן, וואס לייכט און ווארעמט
אהן אן אויפהער יעדען גלייך...

און איך פיהל אין מיין נשמה
שוין א נייען וועה-געשריי: —
„געה צוריק צו דיינע ברידער,
וואס פארלאזען האסטו זיי
אין א ים פון פיין און צרות,
אין א קאלט און וויסט לאנד!
געה צו זיי און זאג זיי דארטען
מיט דער שטימע פון א לייב,
אז ס'איז דא אן אנדער לעבען,
אז ס'איז דא אן אנדער וועלט...
געה און צינד זיי אן די הערצער
מיט דעם גרויסען העלען פייער
וועלכעס גאט האט אנגעצונדען
אין דיין האַרץ פאר אט דעם צוועק...״

און איך פיהל שוין נישט דעם צויבער
מעהר פון יענעם שעהנעם לאנד,
און אן אומעט, און א טרויער
כאפט מיך באלד ארום,
און כ׳בין אינ׳ם אנדערען לאנד שוין —
וואס איך האב פארלאזט —
מיט מיין הארץ און מיין נשמה,
בלויז מיין קערפער איז נאך דא...

פארוואס איז דאס אזוי פארקלעמט מיין הארץ ?
און וואס איז מיט מיין בליק—וואס בלאנדזשעט ער ארום?
וואס זוכט ער דארט אין יענער וויסטער וייטקייט ?
און דו מיין בייגקענדע נשמה—ווידער וויינסט שוין, הא?
ווידער טראגסט זיך אום אין אומעט, פינסטערניש, אליין ?
אָ, פארוואס ביסטו פאר׳משפט צו אזא גזר-דין ?
ווען וועסטו שוין רוה געפינען? וואו וועט זיין דיין היים ?
ביסט דען זיכער, אז אן אנדער שטורעם וועט ניט קומען,
וועט דיר ווידער ניט פארטראגען ערגעץ ווייט אוועק?
ביסט דען זיכער, אז דיין פייער וועט ניט אויסגעלאשען
ווערען
דארט אין לאנד פון טרערען און פון קעלט ?
אז דאס פייער איז גרויס געגוג, פארמאגט א קראפט

וואס קיינע שטורעמס וועלען נישט בייקומען ?
אָ, ענטפערט מיר, איהר הימלען, ענטפערט מיר, איהר בערג!
אנטפלעק מיר דו דעם סוד, גאט מיינער — זון!..
נאר אלע שווייגען יעצט, פארזונקען ווי אין שלאף...

איך שטעה געבויגען פון מיין טרויער
אין דעם שאטען פון א פאלם,--
איך נעם ארום זי, שפאר מיין קאפ צו,
און צו-וויין זיך אין דער שטיל...

און ס'דוכט זיך מיר, ווי זי וואלט הענד געהאט;
זי לעגט ארויף אויף מיר א האנד א צארטע,
א האנד וואס זופט אריין אין זיך דעם טרויער און דעם וועה,
און גלעט מיין קאפ, און זאגט מיט טרייסט:
'ניט וויין, מיין קינד! איך פיהל דיין טיעפען שמערץ,
און ווייס פון דיינע גרויסע, הערליך גרויסע ליידען.
דו פרעגסט דיין ליידענדער נשמה,
פארוואס זי וויינט, ווארום זי טרויערט ווידער?
זי ווייס ניט קינד, און וועט דאס קיין מאל וויסען...
אזוי ווי יענע בלום, וואס זוכט די זון,

און בויגט דעם קאפּ צו איהר,—
ניט זעהענדיג, נאר פיהלענדיג זי בלויז —
אזוי איז זי... זי זוכט די זון...
זי זעהט זי ניט, זי פיהלט זי בלויז,
און בויגט זיך באלד אהין
וואו ס׳דוכט זיך איהר,
אז איהרע שטראלען בלישטשען...
׳און אייביג וועט זי וויינען, אימער וועט זי בענקען,
ביז וואנען ס׳וועט פארגעהן די גאנצע טרויער-וועלט;
ביז וואנען ס׳וועט פארגעהן איהר פינסטערניש, איהר קעלט...
און דו פארמאנסט א פונק פון יענעם גרויסען פייער,
וואס דארף זיך דארט צופלאקערען מיט מאכט,
און העל באלייכטען זי—דאס לאנד פון קעלט און נאכט,
און טאג באשאפען דארט. און ווארעמקייט פאר-שפרייטען...

׳דארום, שטעה אויף און געה צוריק אהין!
ניט צווייפעל אין דיין מאכט, ניט ציטער פאר קיין שטורעם!
האב מוטה! דער וועג איז שווער — נאר גרויס איז אויך דיין כח—
און דו וועסט קומען גאנץ צוריק אהין...

'און דארטען וועט דיין פייער אויך זיך ניט פארלעשען;
פארקעהרט, ס'וועט ברענען שטארק, און העל, און גרויס,
ווייל דארט איז דאך דער קוואל וואס טוט איהם כח שאפען,
די אורזאך פון דיין בארוף—דער וועלטען-שמערץ...

דו מוזט אהינצו געהן, ווייל דא וועסטו פארדארען ! —
דו ביזט א בלום וואס קען ניט וואקסען דא,
דיין שטאם באלאנגט אהין צו יענער ערד...
און ווען דו זאלסט פארבלייבען דא,
פארפלאנצט אין אט דעם באדען—
פארוועלקען וועסטו באלד געוויס;
צופוילען וועלען דיינע ווארצלען
אין א קורצע צייט...
און וועסט פארגעהן אין טיעפען טרויער
נאך דיין ווייטער, ליעבער היים;
נאך דעם לאנד, וואו דו צום בליהען
ביסט פון דער נאטור בעשאפען שוין...
און אויב דו ווילסט אן אנדער וועלט באשאפען,
א וועלט אזא וואו ניט איין זון נאר זיבען זאלען זיין,
און אלע זיבען זאלען לייכטען שטענדיג - טאג און נאכט.
און גרויס זאל זיין די דאזיגע וועלט,
און אלעס זאל זי האבען

נאך וואס עס בײנקט אזוי דײן הארץ,
און טרויערט דײן נשמה —
דאן דענק ניט מעהר, שטעה אויף און געה!
און איך וועל דיר מײן ברכה געבען...
זײ געבענשט מײן קינד!
זאל דײן לײדענדע נשמה
ד א ר ט איהר רוה געפינען יעצט!
און ווען זי וועט זיך דארט באהעפטען
מיט די שוועסטער פון איהר שטאם
זאל פון דעם א ליכט אויסוואקסען,
פון דער ליכט — א גרויסע זון...
און אט די זון זאל ליכט צוגיסען
איבער יענעם לאנד פון נאכט,
און זאל דאס פינסטערניש פארטרײבען,
און זאל דערווארעמען איהר הארץ...

"און אלע וועלען ליכטיג ווערען,
קײנער וועט ניט טרויערען מעהר;
און דו אלײן, מײן קינד, וועסט פיהלען,
אז דו האסט שוין דאן א היים...

'דו וועסט ניט דארפען פליהען, זוכען
מעהר קיין ליכט, קיין זון,
ווייל יעדער מענש א זון פארמאגען
וועט אין זיך אליין...

צוויי גייסטער

געבויגען אין דרייען פון אומעט און טרויער,
מיט אויגען וואס קוקען אהן זין אין דער ווייט —
דארט זיצט ער א מיעדער, א בלאסער, פארזונקען
אין טיעפסטען וועהטיג, אין גליהענדען פיין...

און ס׳שטעהן פאר איהם דארט צוויי גייסטער און וואכען.
דו זעהסט זיי ? אין שווארצען איז איינער געהילט,
דער צווייטער אין בלויען—ער שטעהט פון דערווייטענס..
דער ערשטער פארנייגט זיך און שמייכעלט מיט חניפה,
זיין פנים אין העסליכע קנייטשען צולעגט,
דער צווייטער א שטאלץ, א הערליך געשטאלט איז,
זיין פנים—פול ליעבע, פול מיטלייד זיין בליק...

דו זעהסט ווי זיי מיידען אויס איינער דעם צווייטען
זיך טרעפען מיט בליקען, צו רעדען א ווארט ?—
(דער ערשטער פון שרעק, דער צווייטער אויס עקעל...)
דאס זענען צוויי שונאים, פארביסענע
געגנער, באגלייטער פון זיין עקזיסטענץ...
אוןביידע זיי ווינקען : ער מוז יעצט ערוואכען,
באזיעגט פון זיי איינעם...דער שטרייט איז צו לאנג...

און שטיל איז ארום...און נאר קרעכצען פארשטיקטע
די לופט שניידען דורך מיט א וועה
פון מינוט צו מינוט און פארשווינדען אין רוים —
ווי פארזונקען צוריק אין א ברוסט...

אט טוט ער א ריהר זיך--און ס'שפרינגט אויף דער ערשטער
און ציהט צו איהם אויס זיינע הענט...
נאר אין שרעק אונגעהוירען שפרינגט ער צוריק אפ—
איהם טרייסעלט, און קוים וואס ער רעדט...

"פארניכטער" — שרייט ער באלד מיט האס צו דעם צווייטען:
"דו האסט איהם פאר'כישופ'ט, דו האסט איהם פאר'סם'ט!
אוועק! דו צושטערער, דו שליח פון טויט,
דו פארדאמטער פון גאט און פון מענשען...
צו וואס ביסטו געקומען?! ווער האט דיך גערופען?
ווער דארף דיך, ווער וויל דיך? וואס זוכסטו אט דא?
איז ווייניג וואס דו האסט זיין היים איהם פארניכטעט,
צושטערט איהם זיין רוה, פארטריבען זיין גליק;
ווילסטו אויך זיין נשמה צושטערען פארניכטען?
דו פארשאלטענער, שנעלער פארשווינד!..
לאז צורוה איהם פארשוועך נישט זיין פנים —

וואס טראגט נאך מיין שטעמפּעל אויף זיך —
מיט דיין יעצטיגען זינדיגען דאזיין.
פארשווינד! כ׳וועל נאך פּרוּאווען איהם רעטען
און ברענגען צוריק אין מיין היים...
נאר ווען ער׳ט ערוואכען דיך טאר ער ניט זעהן—
דיין בלויער קאליר רייצט איהם אויף...

און וועסט׳ך ניט וועלען איהם שמערצען פארשאפען;
דו ביסט דאך א פריינד איהם, און זאגסט, אז דו ליעבסט
איהם...
אויך ביזטו א גוטער, איך ווייס, פון דער נאטור.
איך ווייס, ניט פאר שלעכטס ביזטו דא געקומען—
האסט לייכטער איהם מאכען די שמערצען געוואלט—
איך ווייס עס...איך ווייס עס...נאר פריינד מיינער
ליעבער,
דו טו איהם די טובה און לאז איהם צורוה..

נאך אלעם ביזטו דאך דער שולדיגער זיינער;
דו האסט איהם צו אלעם געבראכט...
ווי רוהיג, ווי גליקליך, געלעבט האט ער פריהער
ווען ער האט נאך דיך ניט געקאנט;
איז פרעהליך געוועזען, האט געלאכט און געשטיפט,
און יעדער געליעבט האט איהם, יעדער געלויבט...

און גלייך ווי ער האט נאר באקאנטשאפט געשלאסען
מיט דיר, מיט׳ן טרוימער, פארשוואונדען איז אלעס ;
איז בלאסער געווארען פון טאג צו טאג;
האט אויפגעהערט עסען, און טרינקען, און שלאפען—
און יעצט — זעהסט אליין דאך — ווי קראנק ער איז
יעצט...

דו האסט איהם פארשלעפט אין פאר׳כשוף׳טע וועלטען,
און האסט איהם געלאזען דארט בלאנדזשען אליין ;
פארבלענדט די אויגען מיט שעהנע געשטאלטען
וואס שוועבען אין הימלען, און גרייכען די זון...
און ער איז באצויבערט געווארען פון אלעס
און האט זיך געלאזען פארפיהרען פון דיר...
און אלע פארלאזען, פארשטויסען איהם האבען,
ווייל אלע פארשטויסען אויך דיך...

(דעם דריטען—איהם שוידערט...פארשטיקע געשרייען
און קרעכצען, ווי וועלען דעם ים
אין א שטורעם — באוועגען זיין ברוסט,
און צוגיסען אין לופט
ווי פון שטורעם א היילען, א ברומען...)

נו געה שוין! נו געה שוין...דערנאך קענסטו קומען —
ווען ער וועט שטארבען, ווען ער וועט געזונד ווערען
און'ט וואוינען ביי מיר שוין אין הויז—
דאן וועט דיין בלויער קאליר איהם ניט שאדען...
און ווייטער... פיליי‍כט וועסטו איהם בייטען אויף
שווארץ...

נאר שארף האט דער בליק פון זיין געגנער, דער קלארער,
זיך טיעפער געשניטען אין זיינעם,
און האט איהם צו שטומען געמאכט...
נו, געגוג שוין—דו פינסטערלינג! כ'האב דיך
פארשטאנען...
שוין צו גוט פארשטאנען דיין צוקערדיגע שפראך...
ער איז, זאגסטו, פארשטויסען געווארען פון אלעם,
און דו האסט רחמנות אויף איהם...
און רעטען איהם ווילסטו, און נעמען צוריק
אין דיין היים, אין דיין פינסטערער היים...
פון אלע? פון וועמען?! פון דיינע באדיענער,
פון ווערענס וואס האבען קיין הארץ און קיין מארך?
פון שקלאפען וואס זענען אין זומפען פארזונקען,
און מיינען, אז דאס איז דאס הימלישע רייך?..
און קענען ניט זעהן די הערליכע בילדער,
די צויבער געשטאלטען פונ'ם אמת'ן הימעל

וואס ליגט דארטען ווייט אין דער הויך,
און קענען די הערליכע שירה ניט הערען.
און קענען דעם טעם, דעם זיסען ניט פיהלען
פון יענעם מלאכים-געזאנג...

פון יענע ?—נאר זיי האט ער סיי ווי פארלאזען,
און וועט זיך קיינמאל ניט צוריקעהרען מעהר...
ער האָט עס אלעס געזעהן שוין, באגרייפען
אויך וויל ער...און דאס איז זיין פיין...

די דאזיגע געשרייען, זיי זענען דער אפּקלאנג
פון זיין אונבאפעסטיגטען, בלאנדזשענדען זין...
ס'איז אבער דאס פייער וואס גליהט דורך דאס אייזען,
און מאכט עס פאר קלינגענדיג, גלאנציג שטאל...

דאס וויגט זיך זיין וואגשאל פון גוף און נשמה,
דערציטערט פון דער לעצטער'ס אנגרייפענדען שטויס—
ווייל שפּעטער געפאלען איז זי אויף דער וואגשאל,
און שווערער איז זי אין געוויכט...

— און לאנג וועט ניט דויערען דער דאזיגער ציטער
אָ, באלד וועט זיך איינשטעלען דער מעכטיגער שטאנג..
און רוהען וועל איך אין מיין שאל ווי א זיעגער,
און דו וועסט אין דיינער זיך טרייסלען אין לופט...

אָון ווייסטו נאָך וואָס כ׳בין געקומען אַהער?—
איהם צו רעטען פון דיר, פון דיין אָטעם דעם פוילען...
און דו קענסט דאָ זיין, אויב דו ווילסט,
דו וועסט מיר ניט שטערען — ביסט צו שוואַך דערצו...
נאָר איך וואָלט געראַטען דיר איהם צו פאַרלאָזען —
אום דו זאָלסט ניט אומקומען דאָ...

„אָ, וואָס ווילסטו טאָן דאָ?! זאָג, וואָס ווילסטו טאָן דאָ!..״

„אָ, גאָרנישט, נישט שרעק זיך, ניט ציטער — קיין שלעכטס —
איך וויל איהם געזונד מאַכען בלויז!
דאָ היילען איהם וויל איך...און ווייסטו ווי אַזוי?
כ׳וועל זיך באַהעפטען מיט איהם גאָר אינגאַנצען,
און וועל מיט מיין אָטעם דערוואַרמען זיין האַרץ;
זיין האַרץ איז פאַרפרוירען, און דאָס איז די הויפּטזאַך
פון דער דאָזיגער שרעקליכער קרענק...
די וואַרימקייט וועט זיך צו ביסלעך צושפּרייטען
און קומען פון האַרצען צום מאַרך;
און ווען ס׳וועלען גרייכען די זודיגע שטראָמען
פונ׳ם אָטעם פון מיינעם זיין בלאָס געזיכט —
באַלד אויפלעבען וועט ער אויפ׳ס ניי, און פאַרשווינדען
וועט גלייך פון זיין פּנים דיין פינסטער געשטאַלט,

און אנעמען וועט ער א נייעס, א ליכטיגס—
מיין בלוי געשטאלט וועט עס זיין...

״דאן וועל איך איהם נעמען אין מיינע פּאלאצען,
וואס זענען פון מענשליכע הערצער געבויט,
געפלאסטערט מיט מארך און גערייניגט דורך בלוט
פון פארגאנגענע דורות און וועלטען...
און וועל איהם באציהרען מיט א קראנץ א שעהנעם—
געפלאכטען פון שטראלען פון זון וועט ער זיין—
און וועל צו איהם זאגען: דאס אלעס איז דיינס!
פון דאנען ביזטו דאס גענומען געווארען,
אט דא ביזטו געבוירען, און דא איז דיין היים...

דורך סיבות, דורך בלויזע, האסטו עס פארלאזען
א מאל אין א שיינעם פארטאג...
דו האסט אין א גארטען א שעהנעם שפּאצירט דא —
וואס ליגט אויפ׳ן ברעג פונ׳ם ים —
האסט בלומען געריסען, מיט די ביימער גערעדט,
און שטיל זיך צום הימעל געזונגען —
אזוי ביזטו געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער,
ביז וואנען געקומען ביזטו צום ים,
און האסט ניט באמערקט איהם, אונשולדיג באריהרט איהם
מיט דיינע נאך בארוועסע פיס...

נאר דא איז א שטורעם צופליהען געקומען,
און האט דיך געשליידערט אין וואסער אריין...
די וועלען, די בייזע, געיאגט פון דעם שטורעם,
געטראגען דיך האבען אלץ ווייטער אוועק;
און דער צווייטער דיך איבערגעגעבען,
אום דו זאלסט ניט קענען אנטלויפען פון זיי...
אוועק איז א צייט שוין ביז וואנען דערוואוסט זיך
האב איך וואס מיט דיר האט פאסירט:
א טייבעלע האט די בשורה געבראכט מיר,
אן אדלער באשטעטינט האט זי...

און אלע מיר דרייען זיך יאגען געלאזען
נאך דיר האבען איבער'ן ים;
דאס טייבעלע פריהער געפלויגען איז אייביג,
און איך מיט'ן אדלער נאך איהר...

צי איז אונזער וועג אונז צו שווער ניט געווען?
אָ, ניין! כאטש געראַשט האבען שרעקליך די וועלען
און ווילד זיך געווארפען אויף אונז,
דער ווינט האט געיאגט מיט א מורא'דיג ברומען
די שטראמען, די קאלטע, אונז גלייך אין געזיכט;
די וואלקענס זיך האבען צושפרייט ארום אונז
ווי נעצען גרויסע, שווארצע, געדיכטע,

אין קנוילען געדרעהט זיי, אין אונז זיי געווארפען
און האבען אונז פאנגען געוואלט...

נאר מיר האבען מוטיג געקעמפפט מיט די וועלען,
און שארף מיט די ברוסטען געשניטען דעם ווינט;
די וואלקענס, די נעצען, אין שטיקלעך געריסען,
און ווייטער געטראגען זיך לייכט און געשווינד...

און וויפיעל עס האט אונז געדויערט? איך ווייס ניט—
פיליכט בלויז א רגע, און אפשר א יאהר...
נאר ווען כ׳האב דערגרייכט דיך—געלעגען באוואוסטלאז
אין ארעמס פון איינעם א שווארצען ביסטו...
און העסליך דער דאזיגער—א שרעק ווי געווען!
אינגאנצען א הויקער, דאס פנים אין בלוט,
און אין לעכער צופוילטע צוגראבען;
א ריח א שווערער פון איהם האט געשלאגען
אויף מיילען ארום און ארום...
ער האט זיינע צייהן די צופוילטע געשטשירעט
אויף דיר ווי א חיה א ווילדע.
און האט שוין א ביס טאן געוואלט דיר...

נאר דא האבען מיר אלע דריי זיך פאראייניגט,
אויף איהם זיך געווארפען, פון איהם דיך באפרייט
און צוריק זיך געלאזען צוזאמען...

ער האט זיך געווארפען, געריסען, געביסען,
און האט זאנאר פליהען געוואלט —
ווען דער אדלער האט בליץ-שנעל א כאפ דיך געטאן
אין דער הויך, אין דער העל-בלויער הויך...
ער האט זיך מיט'ן אדלער פארמעסטען געוואלט—
און א הויב זיך געטאן און געפאלען צוריק
ווי א קלאץ א צופוילטער צום באדען...

און פיעל נאך פיעל וועל איך איהם דערציילען,
און וועל איהם אן אלעס דערמאנען..."

דער אייביגער טרויער

(א חלום)

מיר האט זיך גע׳חלום׳ט:

איך שטעה אין אן ענגען וויסטען טאל, ארומגע-ריגגעלט פון דריי זייטען מיט הויכע פינסטערע בערג, באדעקטע מיט קלאר-ווייסען שניי. שווארצע שפיציגע פעלזען, גלייכע און משופע׳דיגע, הויבען זיך איינער איבער׳ן צווייטען אין א ווילדער און משונה׳דיגער אונארדנונג אין דער פיערטער זייט, ביים ברעג פון א שטורמישען, אונענדליכען ים וועמעס שוימענדע און ברויזענדע כוואליעס הויבען זיך ביז צו דעם הימעל וואס איז באדעקט מיט שווארצע וואלקענס, און ווארפען זיך אין ווילדען צארן אויף די גרויסע פעלזען און רייסען פון זיי שטיקער און שלינגען זיי אין טיעפען אבגרונד איין...און הויבען זיי ווידער פון דער טיעפעניש ארויס און שליידערען צוריק צו די פעלזען די דאזיגע שטיקער, פון זייער אייגענעם קערפער אבגעריסען, ווי זיי וואלטען וועלען פארניכטען זיי, צורייבען אין שטויב, דורך זייער אייגענע הענט. א טונקעל-גרויע פינסטערניש הערשט ארום—און—ארום, קיין שיין, קיין שטראל. איך שטעה

און קוק מיט אנגעשטרענגטע בליקען אויף דעם דאזיגען שרעקליכען בילד, און א שוידער אויסגעמישט מיט א טיעפען שמערצליכען אומעט נעמט מיר דורך און דורך. א שטארקער פארלאנג זיך ארויסצורייסען פון דעמדאזיגען ארט באהערשט מיך מיט א ווילדע קראפט; א שרעקליכע דורשט נאך ליכטיגקייט, נאך זונען-שיין צינדט זיך אן אין מיין נשמה, און אין גרוים שמערץ הויב איך מיין בליק אויף צו די שפיצען פון די בערג. און איך זעה, ווי אויך דארט בושעוועט א שניי-שטורעם. הויכע זיילען שניי און שטיקער שווארצע וואלקען טראגען און יאגען זיך פון איין שפיץ בארג צום צווייטען, ראנגלען זיך, דרעהען זיך איין אין קנוילען באגלייט פונ׳ם שטורמווינט. און דאך פיהל איך, אז כ׳מוז אהינצו געהן. איך פיהל, אז דארט מוז ליכטיגער זיין ווי דא, אז דארט איז פרייער ווי דא. און אויך דער שטורעם, זאגט מיר מיין הארץ, איז דארט ניט אייביג, און מוז עס ווען עס איז דאך אויסמיידען. און ווען אפילו ניט? — נאך בעסער! כ׳וועל גלייך מיט איהם זיך טראגען פריי און ווילד איבער די בערג-שפיצען; כ׳וועל גלייך מיט איהם זיך ראנגלען מיט וואלקענס און פעלזען. אזוי ווי ער וועל איך קיין צוימען ניט האבען, פון קיין גרעניצען וועט מיין וועלט ניט וויסען — זי וועט זיין א פרייע, א פרייע, ווי דער דאזיגער שטורמווינט...

און אזוי ווי פון א האנט געטראגען הויב איך אן צו קלעטערען ארויף, ארויף. ס׳איז אונגעהויער שווער, ס׳איז קיין וועג נישטא, נאר שטיינער שפּיציגע און שארפע וואקסען ארויס פון דער ערד. איך קריך זיך אנהאלטענדיג אן זיי און צוריים מיינע הענט ביז בלוט; מיינע פיס באדעקען זיך מיט וואונדען, א שווייס גיסט זיך פון מיין פארשמאכט געזיכט — און איך געה אלץ ווייטער און העכער. אן אונגעהויער שטארקע קראפט שטופט מיך אלץ ווייטער און ווייטער און לאזט מיך ניט אפּשטעלען זיך אויף איין מינוט.

און איך דערפיהל, אז מיינע כחות וועלען מיך באלד פארלאזען; עס שטיקט מיך; איך בין דורכגעווייקט אין שווייס און בלוט. און ענדליך — אונמעכטיג, באוואוסטלאז, דערגרייך איך דעם שפּיץ פונ׳ם בארג; איך שטרעק אויס די הענט אין דער לופט און פאל צו דער ערד...

איך ווייס ניט ווי לאנג איך בין אזוי געלעגען — ווען כ׳האב די אויגען געעפענט האב איך לעבען זיך געזעהן א בלאס געשטאלט, איינגעהילט אין א טונקעל-בלוי מאנטעל. קיין שפּור פון דעם וואס איך האב געזעהן פריהער פונ׳ם טאל איז דא ניט געווען יעצט; אנשטאט דעם שנייע האב איך געזעהן הויך, ווייך און זיס-שמעקענדיג

גראז און שיינע בליהענדיגע בלומען; קלארע טייכעלעך זענען געפלאסען אין פארשידענע ריכטונגען שטיל און פרעהליך מורמלענדיג; פייגעלעך זענען ארומגעפלויגען און ארומגעשפרונגען שפּיעלענדיג און זינגענדיג. אנשטאט די שווארצע וואלקענס האב איך געזעהן א טיעף-בלויען הימעל וואו א גרויסע, ליכטיגע זון איז געהאנגען אין איהר פולער, אונענדליכער שעהנקייט און געשאטען מיט א פולער האנט ליכטיגע, ווארעמע שטראלען. איך האב מיין וואונדער און פרייד אין זיך ניט געקענט לאנג פארשטיקען און האב זיך צו דער אומבאקאנטער געשטאלט געוואנדען: זאג מיר ווער ביסטו, און פארוואס איז דא אזוי שעהן און ליכטיג און קיין שניי-שטורעם ווי כ׳האב פון טאל געזעהן ארויפ-קוקענדיג אהער איז דא גאר נישטא? און איך האב דערהערט א טיעף צארטע שטים:

„ווער איך בין? דארט אין טאל, פון וואנען דו קומסט יעצט, בין איך אומבאקאנט. מיין יעצטיגע געשטאלט האב איך באקומען דא אויף די שפּיצען פון די הויכע בערג — און דארום, ווען איך וועל דיר יעצט אנרופען מיין נאמען — וועסטו סייווי ניט וויסען, ווער איך בין. און דעריבער וועל איך דיר דארפען פיעל, פיעל דערצעהלען. און הער זיך איין:

׳געקומען אהער בין איך אמאל ווי דו יעצט, בלוטענד און באדעקט מיט וואונדען. איך האב אין טאל ניט געקענט זיין, ווייל דארט איז ענג, פינסטער און מורא׳דיג און מיין נשמה האט געגארט נאך שעהנקייט, נאך ליכט און פרייהייט. און זי האט זיך גענומען רייסען ארויף צו די דאזיגע הויכע בערג, וועלכע איך האב אויך געזעהן פון טאל, איינגעוויקעלט אין וואלקען, שניי און שטורם. קיין גראז און בלומען זענען נאך דא דאן ניט געווען, ארום-און-ארום איז געווען באדעקט מיט שניי— און איך האב פיעל געוויינט און געטרויערט און האב נאך גראז און בלומען געביינקט. איך האב געזעהן ארום זיך א פרייע וועלט, אן אונענדליך אונבאגרענעצטע וועלט, אבער א וויסטע. און שמערצליך טיעף האב איך געפיהלט די דאזיגע אונרעכט. גאָט!—האב איך געטראכט — ווי גוט עס וואלט געווען ווען דידאזיגע פרייע וועלט וואלט אויך א שעהנע געווען; ווען דא וואלט ליכטיג זיין און בלומען וואלטען בליהען אָ, ווי גוט, עס וואלט געווען! טאג און נאכט האב איך געוויינט און געטרויערט, און פון מיינע טרערען זענען דער שניי און דאס אייז צורונען געווארען. און איינמאל, ווען איך האב זיך ארומגעקוקט, האב איך דערזעהן דאס, נאך וועלכען מיין נשמה האט אזוי געגארט... און כ׳האב זיך אויף די קניה געשטעלט

און האָב שירה געזונגען צו דער זון און צום גאַנצען רוים. איך האָב מיינע הענט אויפגעהויבען אין דער הויך און געבענשט מיין נייע, מיין שעהנע וועלט. און דאַן האָב איך פון דערווייטענס, דאָרט—אויפ'ן העכסטען שפּיץ פון די אַלע בערג—דערזעהן אַ בלויע געשטאַלט איינגעהילט אין זונען-שטראַלען און שטראָמען ליכט האָבען זיך צוגאָסען פון איהר אין אַלע זייטען. און איך האָב דערהערט אַ קול:

'דו האָסט זוכה געוועזען מיין געטליך געשטאַלט צו זעהן, ווייל דו האָסט אַזוי שטאַרק און אַזוי לאַנג געבענקט נאָך איהר. דיין טיעפער שמערץ און טרויער, זיי האָבען פון אַ שניי-וויסטעניש די דאָזיגע בערג אין אַ בלומען-קעניגרייך פאַרוואַנדעלט. נאָר דיין טרויער און בייזנקשאַפט זענען ניט אימשטאַנד געוועזען דיר צו געבען נאָך איין זאַך — וועלכע דו מוזט האָבען אום די דאָזיגע קעניגרייך זאָל זיין פאַלקאָם, און דאָס איז—דאָס העכסטע פון אַלע הויכקייטען, דאָס אונענדליכסטע פון אַלע אונענדליכקייטען, דאָס ליכטיגסטע פון אַלע ליכטיג-קייטען, דאָס שענסטע פון אַלע שעהנקייטען, דאָס בליהענדסטע פון אַלעס בליהענדען, דאָס דופטיגסטע, דאָס זיסטע, דאָס צערטליכסטע—די ליעבע... אָבער אום זי אַראָפּצובּרענגען אין דיין קעניגרייך אַריין וועסטו

מוזען בענקען און טרוימען אזוי לאנג ווי דו האסט געבענקט און געטרוימט אום צו באשאפען די דאזיגע גרויסע, שעהנע פרייע און ליכטיגע וועלט...״

און איך האב אויסגעשריען אין גרויס אנגסט און שמערץ: ״ווארום, אָ, ווארום!״

״דארום״ — האט געהילכט די שטים — ״ווייל זי, די ליעבע, האט אין זיך אלץ פון וואס די דאזיגע וועלט דיינע איז צוזאמענגעשטעלט. נאר אום דיך צו טרייסטען אין דיין גרויסען שמערץ און דיין צער צו פארלייכטערען וועל איך דא שטענדיג שטעהן פאר דיינע אויגען, און אז דו וועסט מיך זעהן וועט דיר לייכטער זיין דיין בענקשאפט און טרויער, דיין שמערץ וועט זיין א זיסער...״

און איך געה ארום אין מיין שעהנער, אבער איינזאמער, וועלט א טרויעריגער מיט מיין שטארק בייינקענדיגען בליק געוואנדען צו דער הערליכער געשטאלט, דארט אויפ׳ן העכסטען שפיץ פון די בערג אוןווארט אויפ׳ן אנקומען פון דער געטליכער געשטאלט פון ל י ע ב ע.

און מיט א פארשטיקטע שטים פון טרערען האב איך אויסגעשריען:

אָ, ווי לאנג נאך וועט דיין טרויער מוזען דויערען, אומגליקליכער?!״

און אן ענטפער האט זיך געהערט:

״ניט לאנג!״

״אייביג!״ האט עס אבגעהילכט ארום אין די בערג...

זאג...

זאג, פארוואס זאל איך ניט טארען קושען די טרויעריגע אויגען היינט, ניט טראכטענדיג וועגען דעם — אויב מארגען וועל איך זיי אויך קושען אדער ניט? און זאגאר וויסענדיג, אז מארגען וועל איך פילייכט זיך ניט פיהלען עס צו טאן — זאג, ווארום?

היינט פיהל איך אין דעם א הימלישען פארגעניגען, און מארגען — ווער ווייסט וואס מיט א מענשענס הארץ קען אין א טאג פאסירען? זאל איך דעם היינט אויך פאר׳סם׳ען מיט׳ן צווייפעל איבער׳ן מארגען? זאל איך דען ניט געניסען פונ׳ם היינט בלויז דערפאר וואס טאמער וועל איך אין דעם מארגען שוין מעהר ניט געפינען קיין צופרידענהייט, קיין גליק?

אבער וואס זאל איך דאך טאן מיט מיין הארץ? וואס זאל איך דאך טאן, אז איך וויל יעדען טאג קושען אט די זיסע ליפען דיינע, זעהן אט דאס ליכטיגע געשטאלט — דריקען פעסט צו מיין הארצען דאס וואס

איז מיר אזוי טייער? וואס זאל איך טאָן אז איך געה אוים פון שמערץ און טרויער ווען איך זעה דיך ניט, ווען איך האב דיך ניט לעבען זיך?

זאג, וואס זאל איך טאן?..

* *
*

ווי גוט איז דעם מענשען וואס קוקט אויף'ן לעבען
מיט אויגען פול ליעבע און לוסט;
וואס זעהט נאר דאס שענסטע זיך שפינען און וועבען
אין יענעם'ס צובלוטיגטע ברוסט.

וואס זאגט, אז ניטא איז קיין זינד און פארברעכען,
ניטא קיין געוואלט און קיין שטראף—
נאר ס'זענען די טיעפע יסורים, וואס שטעכען
און שעכטען די הערצער ווי שאף,

און סם'ן די מוחות, און קאכען דאס בלוט...
די טיעפע יסורים פון שקלאפען, פון מיעדע,
וואס לעבען אין אייביגען פיינליכען גלות — — — —

А я сижу, изнемогая
В огнѣ смертельных ран своих
И чуть что скажешь, умоляя
О жалкой помощи хоть их.

Опять, тебя же в цѣль поставят,
Кричат, смѣются над тобой
И кровью льющейся, заставят
Напиться собственной рукой.

Гдѣ же свѣтлый лучь любви и дружбы,
Правды чистой и святой?...
Гдѣ братство?.. Чуждо, чуждо
Мрачно,—адски все кругомъ.

Измѣна, ложь, презренье, клевета;
Борьба с добромь—Всѣ преступленія
Зависть ненавист... мученія
Царят лишь тут, вокруг меня...

Хожу по трупам, пью я—кровь,
Внимаю—стонам вмѣсто слов...
И это жизнь?.. Убей-же меня
Скорѣй проклятая судьба!!!

В. ЛОССМАНЪ

Полѣ на память, 1909

ЖИЗНЬ

Как жмется грудь, как бьется сердце...
Гаснет взор мой...жжет меня!...
Я жажду, сильно жажду смерти...
Скорей угасни жизнь моя!

В тоскѣ суровой я томлюсь
Как узник в цѣпях вѣковых,
Я в муках страшных нахожусь
Среди людей, как звѣрей злых.

Кто бьет, кто рѣжет, кто толкает,
Кто рвет, кто топчет, колет, жжет;
Кто вверх поднявши, вниз бросает
И кровь мою как воду льет...

А кто с презрительной улыбкой
На зло-искривленных губах
И со стрѣлой и луком гибким
В окровавленных руках.

Садится в близи... И прицѣлясь
Стрѣлу презрѣнія свою
Пускает в грудь мою, смѣясь—
И в слѣд за ней—еще одну...